# אַ פָּסוּק חוּמָשׁ

## חיזוק פאר די וואך

תמצית הגליון:

הויפט מאמר

מוסר השכל

צידה לדרך

מעשה רב

לָמָּה הֶעֱלִיתֻנוּ מִמִּצְרַיִם לָמוּת בַּמִּדְבָּר כִּי אֵין לֶחֶם וְאֵין מַיִם...

בעזרת השי"ת ▪ חקת/בלק תש"פ ▪ גליון פג'


# "איך וויל פילן מסודר, איך וויל זיך נישט דארפן זארגן"!

### איז דאס א מעלה אדער א חסרון?

### די געוואלדיגע מוסר השכל וואס מיר לערנען זיך ארויס פון די נחש הנחשת...

דער וואונטש פון יעדער איד איז צו לעבן רואיג אן קיין דאגות מיט געזונט, פרנסה, וכדומה. נו, שטעלט אייך פאר אז ויהי היום, די וואונטש ווערט נתקבל. מען איז אייך מגלה אין חלום א בשורה טובה, איר גייט באקומען א מורא'דיגע ברכה, "פון היינט און ווייטער, דארפט איר שוין נישט זארגן, איר גייט באקומען אלעס וואס איר דארפט..."

"יעדן טאג וועט דיליווער"ט ווערן א גרויסע גראסערי ארדע"ר ביים טיר, אנגעפילט מיט אלע עסן וואס איר דארפט. אחוץ פון דעם, וועט איר באקומען נאך צוויי מתנות צו דער זייט. פון היינט און ווייטער, וועט איר נישט דארפן צאלן קיין וואסער בי"ל, מען גייט מאכן א קוואל אין אייער חצר. אזוי אויך, טראנספערטאצי"ע וועט שוין מער נישט זיין אייער דאגה, פון היינט און ווייטער וועט שטיין גרייט א טעקסי נעבן אייער שטוב, ווארטנדיג אויף אייך ווען איר ווילט און וואו איר ווילט גיין..."

דער מלאך ענדיגט צו דער חלום, "ר' איד, דאס באקומט איר נישט סתם אזוי, דאס איז א ברכה! **כי כבר רצה ה' את מעשיך** (קהלת ט, ז), דערפאר, בעט איך נאר איין בקשה "פירט זיך אויף ערליך!", ווייל דער ברכה קען נאר שולט זיין אויף א טאג וואס איר פירט זיך אויף ערליך. א טאג וואס איר גייט זיך פארזינדיגן, וועט איר דעם קומענדיגע טאג נישט קענען באקומען די אלע גוטע זאכן." **זענט איר מסכים צום געשעפט? אדער וועט דאס זיין א מורא'דיגע פרעשא"ר?"**

**וואס וואלטן מיר געענטפערט?**

## לאמיר לערנען א פסוק חומש, און באקומען חיזוק פאר די וואך....

## דריי מתנות טובות

### האבן די אידן באקומען אינעם מדבר

זאגט די גמרא (תענית ט.): דריי מתנות טובות האבן די אידן באקומען אין מדבר ואלו הן **באר, ענן ומן.**

**באר:** ווי די אידן זענען געגאנגן, איז מיטגעקומען מיט זיי א באר וואס האט זיי כסדר געגעבן וואסער צו טרינקן. **ענן:** די אידן זענען אייביג געווען ארומגענומען מיט א הייליגע וואלקן וואס האט זיי אכטונג געגעבן פון אלע מזיקים און זיי געטראגן וואו זיי האבן געדארפט גיין. **מן:** יעדן אינדערפרי, האבן זיי געטראפן פיינע געשמאקע מן אויסגעשפרייט ביי זייער טיר, וויפיל זיי האבן געדארפט.

לכאורה וואלטן זיי דאך געדארפט זיין די פרייליכסטע מענטשן אויף דער וועלט?! ביזדערווייל, געפונען מיר אין פרק כא, פסוק ד' און פסוק ה'... (גלייך נאך די מלחמה פון עמלק)

**וַיִּסְעוּ מֵהֹר הָהָר דֶּרֶךְ יַם סוּף לִסְבֹב אֶת אֶרֶץ אֱדוֹם וַתִּקְצַר נֶפֶשׁ הָעָם בַּדָּרֶךְ. וַיְדַבֵּר הָעָם בֵּאלֹקִים וּבְמֹשֶׁה לָמָה הֶעֱלִיתֻנוּ מִמִּצְרַיִם לָמוּת בַּמִּדְבָּר כִּי אֵין לֶחֶם וְאֵין מַיִם...**

די אידן באקלאגן זיך ביטערלעך 1- די וועג איז זייער שווער געווארן 2-מיר האבן נישט קיין ברויט צו עסן 3- עס איז נישט דא קיין וואסער צו באקומען.

**פארוואס וויינען זיי? זענען זיי דען נישט די גליקלעך'סטע מענטשן אויף דער וועלט?!** וועלכע וועג איז זייער שווער? זענען זיי דען נישט ארומגענומען מיט הייליגע וואלקענעס וואס געבט זיי אכטונג און טראגט זיי וואו זיי דארפן גיין?!

וואס הייסט אז זיי האבן נישט קיין ברויט צו עסן? עס האט דאך גערעגנט מן פון הימל יעדן טאג ממש ביז זיי זענען אריין אין ארץ ישראל!

עס איז נישט דא קיין וואסער צו באקומען? ווי אזוי קען דאס זיין, מען האלט דאך שוין נאכן שלאגן די שטיין! ווי דער פסוק זאגט אונז **וַיֵּצְאוּ מַיִם רַבִּים וַתֵּשְׁתְּ הָעֵדָה וּבְעִירָם** (כ, יא). עס איז געווען א שפע פון וואסער!


פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון קענט איר זיך פערבונדען מיטן עורך:
torah10952@gmail.com

צו איז דאס ווייטער סתם געקלאגט אויף גארנישט ווי די פריער'דיגע מעשות, אדער דאס מאל האבן זיי שוין יא עפעס אן אמת'א טענה, עכ"פ לפי שיטתם?

~

## די דריי מתנות טובות
### מיט אביסל היסטאריע...

זאגט די גמרא ווייטער (שם תענית ט.): **באר** בזכות מרים, **עמוד ענן** בזכות אהרן, **מן** בזכות משה. בזכות די דריי גרויסע לייט, האבן די אידן זוכה געווען צו די דריי גרויסע מתנות.

און אזוי איז טאקע געווען במשך פון די פערציג יאר, ביז י' ניסן[א] פון די פערציגסטע יאר.

אבער, זייענדיג אין מדבר צין, אינעם פלאץ וואס הייסט קדש, האט פלוצלינג פאסירט די ערשטע פון דריי אומגליקן, "**ותמת שם מרים**", די גרויסע צדיקת מרים איז אוועק פון דער וועלט...

וואס פאסירט דערנאך? "**וְלֹא הָיָה מַיִם לָעֵדָה**" (כ,ב). אז די צדיקת איז נישט דא, איז דער מתנה וואס איז געווען בזכותה, אויך נישט דא.

ביז... משה רבינו שלאגט דעם שטיין און **וַיֵּצְאוּ מַיִם רַבִּים וַתֵּשְׁתְּ הָעֵדָה וּבְעִירָם**, ב"ה עס ווערט צוריק וואסער בשפע.

אזוי זענען די אידן ממשיך נאך אפאר חדשים, ביז חודש אב[ב], **וַיִּסְעוּ מִקָּדֵשׁ וַיָּבֹאוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל כָּל הָעֵדָה הֹר הָהָר**... ווען פלוצלינג פאסירט די צווייטע אומגליק, **וַיָּמָת אַהֲרֹן שָׁם בְּרֹאשׁ הָהָר**... (כ, כח). אוי וויי! די צווייטע פון די דריי גרויסע לייט הויכט אויס זיין נשמה מיט א מיתת נשיקה.

וואס פאסירט דערנאך? **וַיִּשְׁמַע הַכְּנַעֲנִי מֶלֶךְ עֲרָד יֹשֵׁב הַנֶּגֶב כִּי בָּא יִשְׂרָאֵל דֶּרֶךְ הָאֲתָרִים וַיִּלָּחֶם בְּיִשְׂרָאֵל** (פרק כא). דער קעניג עמלק (דער אלטער שונא פאר כלל ישראל) האט געהערט און איז געקומען מלחמה האלטן...

**פרעגט די גמרא** (שם בתענית) וואס האט דער קעניג געהערט אז ער איז געקומען מלחמה האלטן?

זאגט די גמרא: **שמע שמת אהרן ונסתלקו ענני כבוד**, אז דער צדיק איז נישט דא, איז דער מתנה וואס איז געווען בזכותו, אויך נישט דא.

**וַיִּרְאוּ כָּל הָעֵדָה כִּי גָוַע אַהֲרֹן**... (כ, כט). זאגט ר' אבהו: **אל תקרי "וַיִּרְאוּ"**, אז די אידן האבן געזעהן, אלא "**וַיֵּרָאוּ**", זיי זענען געזעהן געווארן פאר אנדערע. דהיינו, גלייך נאך אהרן איז נפטר געווארן, איז נסתלק געווארן די ענני כבוד, דערפאר האט יעדער זיי געקענט זעהן.

**וכסבור ניתנה לו רשות להלחם בישראל.** דער עמלק, זעענדיג פלוצלינג די אידן אן זייער געוואלדיגע שמירה, האט זיך גלייך צוגעכאפט, טראכטנדיג, "אה, פון יעצט און ווייטער, מעג מען שוין מלחמה האלטן מיט די אידן!"

א פעסטע מלחמה ווערט געפירט ביז **וַיִּשְׁמַע ה' בְּקוֹל יִשְׂרָאֵל וַיִּתֵּן אֶת הַכְּנַעֲנִי וַיַּחֲרֵם אֶתְהֶם וְאֶת עָרֵיהֶם**... די אידן האבן פארטיליגט די עמלקים צוזאמען מיט זייערע גאנצע פארמעגן.

א שווערע טראגעדיע איז דאס געווען, שבר על גבי שבר. קוים האט מען אנגעיאגט מספיד צו זיין דעם גרויסע אבידה און שוין טרעפט מען זיך אינמיטן א געפארפולע מלחמה!

די אידן, אינגאנצן צוקלאפט און דערשראקן, ציען זיך אויף צוריק, איין מסעה און נאך א מסעה[ג], זיי ציטערן אריין צו גיין אין ארץ ישראל. זיבן גאנצע מסעות זענען זיי אזוי צוריק געגאנגען ביז מוסרה, וואו דארט שטעלן זיי זיך אפ...

זיי דערמאנען זיך אז מען האט דאך נאך נישט גענוג מספיד געווען דעם צדיק, דער אוהב שלום ורודף שלום. יעצט, זייענדיג אין מוסרה, האט דער עולם אנגעהויבן פריש וויינען אויף דער גרויסע אבידה... (עי' פי' רש"י ד"ה דרך ים סוף)

### און יעצט קומט דער קרעכץ...

**וַתִּקְצַר נֶפֶשׁ הָעָם בַּדָּרֶךְ**. (שם ד), דער עולם האלט דאס שוין מער נישט אויס, זיי האבן נישט קיין כח צו גיין ווייטער און... הייבן אן זיך אפרעדן אויף די שווערע וועג.

געבט דער ילקוט מעם לועז צו פארשטיין: **פארוואס פונקט יעצט זענען זיי געווארן אויסגעמוטשעט פונעם וועג**? אלא הא גופא טעמא, ביז יעצט האבן זיי באמת נישט געוואוסט פון אזא מין זאך וואס הייסט "טרח הדרך", די ענני הכבוד האט זיי געטראגן, די ענני הכבוד האט זיי אפגעהיטן. הערשט יעצט, נאך וואס אהרן איז געשטארבן, האבן זיי נישט געהאט די ענני הכבוד זיי צו באגלייטן די זיבן מסעות, יעצט האבן זיי צום ערשטן מאל געשפירט וואס מיינט גיין אין א מדבר, דערפאר **וַתִּקְצַר נֶפֶשׁ הָעָם בַּדָּרֶךְ**...

### עס ענדיגט זיך אבער נישט מיט דעם,
### די געשפרעך גייט ווייטער און ווייטער...

**וַיְדַבֵּר הָעָם בֵּאלֹקִים וּבְמֹשֶׁה, לָמָה הֶעֱלִיתֻנוּ מִמִּצְרַיִם לָמוּת בַּמִּדְבָּר, כִּי אֵין לֶחֶם וְאֵין מַיִם, וְנַפְשֵׁנוּ קָצָה בַּלֶּחֶם הַקְּלֹקֵל.** (כא, ה) דער עולם הייבט אן האבן געפערליכע טענות, " עס איז נישט דא קיין ברויט, עס איז נישט דא קיין וואסער! אוי וויי, מיר גייען שטארבן! מיר עקלען זיך פון די מן וואס פארדארבט אונזער מאגן!"

**לאמיר פארשטיין**, וואס גייט דא פאר? וואס פונקטליך האט יעצט פאסירט? דער עולם איז אויסגעמוטשעט, עס איז געווען שווער צו גיין?! גוט, מען פארשטייט, אבער ווי קומט יעצט אריין דער ענין פון וואסער, ברויט, מן, ובפרט ווען אין פאקט האבן זיי דאס אלעס יא געהאט! וואס איז די אלע קרעכצערייען דייקא יעצט?

[א] **מרים מתה בניסן** מבואר בפרשה, והובא שם בתענית. **שהיתה בשנת ארבעים** הובא במעם לועז עה"פ ותמת שם מרים. **שהיתה בי' ניסן** הובא בתרגום ירושלמי, מגילת תענית בתרא, וסדר עולם רבה.

[ב] שם בתענית.

[ג] הוא הדרך שחזרו להם כשנגזר עליהם גזירת מרגלים.

## דער טענה פונעם איד

זאגט דער רבינו בחיי: דער טענה איז נישט געווען אויפן עסן אדער אויפן טרינקן, זייער טענה איז געווען א יסודות'דיגע טענה, "פארוואס איז דער איד אנדערש פון אלע אנדערע פעלקער ווען עס קומט צו דער נושא פון פרנסה? **פארוואס דארף עס זיין אויף אזא מאדנע וועג!"**

"רבוש"ע, פארוואס קענען מיר נישט באקומען פרנסה בשפע אן קיין דאגות? גיב אונז איינמאל אויף א גאנצע וואך! פארוואס דארפן מיר יעדן טאג עקסטער זיין פאר'דאגה'ט וואס גייט זייך מארגן?"

"פארוואס דער גוי, ער קען יא באקומען ברויט מיט א שפע, וויפיל ער וויל, ווען ער וויל, גענוג פאר א גאנצע וואך!"

"אזוי אויך, געבסטו זיי דער שפע אן קיין חשבונות, אפגעזונדערט פון וויאזוי זיי פירן זיך אויף, ער קען זיין דער געמיינסטער גוי און ער האט באקומט נאך אלץ פרנסה בשפע..."

און מיר אידן, ווענדט זיך אלעס וויאזוי מיר פירן זיך אויף! פירט מען זיך אויף גוט, באקומט מען דאס נאנט צום טיר, געשמאק איינגעפאקט. אבער אויב נישט, דארף מען גיין קריכן און זוכן איבעראל ביז מען טרעפט!"

"אפי' וואסער, וואס א מענטש קען נישט לעבן אן דעם, באקומט דער גאנצע וועלט בחינם! און ביי אונז, ווענדט זיך דאס וויאזוי מיר פירן זיך אויף! והא ראיה מרים איז נפטר געווארן און גלייך הערט זיך אויף די וואסער, ווייל מיר האבן שוין נישט קיין זכותים... פארוואס?!"

רבוש"ע, מיר ווילן אויך זיין רואיג און מסודר, מיר ווילן זיך נישט דארפן זארגן..."

**דערפאר איז זייער טענה דייקא יעצט!**

דייקא יעצט, האבן די אידן זיך אנגעהויבן שפירן צוביסלעך ווייניגער און ווייניגער פארזיכערט.

ביז יעצט, האבן די אידן געלעבט אן קיין דאגות, בזכות מרים האבן זיי געהאט די באר, בזכות אהרן האבן זיי געהאט די ענני הכבוד, בזכות משה האבן זיי געהאט די מן, וואס איז געווען צו דאגה'נען?!

אבער יעצט ביי די פערציגסטע יאר, ווען אלעס הייבט אן שאקלען, איינס נאך איינס ווערן די גרויסע מתנות פארלוירן, יעצט קומט זייער געשריי אויף אלעס, "**וואס גייט דא זיין?!**"

"מיר זענען דא אין א מדבר, אנגעוויזן אויף אנדערע פאר די מינימאלע געברויכן צו קענען לעבן, און אין איין מינוט, קענען מיר אלעס פארלירן! ועל כולם, אונזער ברויט איז דאך ממש א **לחם הקלקל**, מיר קענען דאס פארלירן א יעדע מינוט! אויב פירן מיר זיך נישט אויף ווי עס דארף צו זיין, בלייבן מיר אן קיין ברויט!

**ווער האט דען כח צו דעם? מיר דארפן אונזער לעבנס-וויכטיגע זאכן מיט א קבועות, מסודר, אן קיין דאגות!**

**לאמיר זיך אליין פרעגן?** צו זענען זיי דען נישט גערעכט?! וואלט דען נישט געווען פיל לייכטער צו האבן וואסער וויפיל מען דארף, ברויט וויפיל מען דארף און א שמירה מעולה ווי מען גייט!! פארוואס דארף דאס גיין אויף אזא אופן, נישט וויסנדיג וואס, ווען, וויפיל? דארפן זוכן, קריכן, ארבעטן, דאגה'נען? פארוואס זאל נישט אייביג אלעס זיין מיט א שפע?!

## דער תשובה צום איד

זאגט דער חובת הלבבות אין שער הבטחון (חלק ג'): **טעם אחד הוא, לנסות את האדם אם הוא יעבד את האלקים או ימרה אותו**, דייקא דאס מאכט דעם איד וואקסן! ווי אזוי וועט דער איד זיך מתייחס זיין מיטן הנהגת הבורא ווען ער האט נישט זיינע באקוועמליכקייטן? איז עס דען א חכמה צו זיין א מאמין ווען אלעס גייט גוט?

לאמיר זעהן ווען עס גייט נישט גוט, מען דארף זאכן און מען האט דאס נישט, מען ווייסט נישט וואס גייט זיין, **ווי אזוי איז מען דעמאלטס זיך מתייחס צום בורא?**

איז מען א בעל בטחון און מען פארלאזט זיך בלויז אויף די הנהגת הבורא, גלייבנדיג אז אפי' דאס און יענץ פעלט, די געברויכן הערן אויף צו קומען אויף די וועג ווי אזוי מען איז צוגעוואוינט, קען דער אייבערשער נאך אלץ שיקן אונזערע צרכים דורך פיל אנדערע וועגן?!

אדער ניין, מען ווערט אינגאנצן ברוגז און מלא טענות, "היתכן?" גלייבנדיג אז נאר דורך די און די וועג וואס מען איז צוגעוואוינט אדער מען ווייסט פון דעם, קען מען זיין מסודר?!

> ווי דער חובות הלבבות שרייבט סוף פרק, וז"ל:
>
> ואל יחשוב האדם כי פרנסתו תלויה באמצעי מסויים, ושאם יעדר ממנו אותו אמצעי לא תבוא פרנסתו על ידי אמצעי אחר, אלא יבטח על האלוקים בפרנסתו, וידע דכל האמצעים שוים אצל הבורא, ובידו לפרנס אותו על ידי איזה אמצעי שירצה, ובכל זמן שירצה, באיזה אופן שירצה...

קען דען דער איד האבן א שמורה נאר ווען ער איז ארומגענומען מיט ענני הכבוד?! קען מען דען האבן וואסער נאר דורך דער שטיין פון מרים?! קען מען דען נאר האבן עסן פון די מן? אלא, הכל תלוי בהנהגת הבורא. אונזער ארבעט איז צו זיין א בוטח בה'. **וידע דכל האמצעים שוים אצל הבורא, ובידו לפרנס אותו על ידי איזה אמצעי שירצה, ובכל זמן שירצה, באיזה אופן שירצה!**

און דאס גופא האט דער אייבערשטער שוין געוואלט אויסלערנען פאר די אידן נאך ביים שטיין. "ר' איד, פארוואס ווערסטו אזוי פארלוירן ווען די בארה של מרים איז נישט דא?!"

פרעגט דער כלי יקר: **קַח אֶת הַמַּטֶּה** (כ, ח). פארוואס דארף משה רבינו נעמען דעם שטעקן צום שטיין, ווען ער גייט נאר רעדן צו עס?

**זאגט דער כלי יקר:** דעם שטעקן, דאס איז דער באקאנטע שטעקן מיט בלומען, די מטה פון אהרן וואס איז געלעגן למשמרת ה'. עס איז געווען א טרוקענע שטעקן וואס האט נישט געהאט אויף זיך קיין שום לחלוחית פון וואסער פארדעם און דאך האט עס משנה געווען זיין טבע און ארויסגעגעבן שיינע בלומען, וויבאלד דער אייבערשטער האט אזוי באפוילן!

**פירט אויס דער כלי יקר: דער אייבערשטער האט געוואלט אז דער שטעקן זאל דינען אלץ א מוסר השכל פאר די אידן.**

משה זאל וויזן דעם שטעקן פאר כלל ישראל אידער ער גייט רעדן צום שטיין און זיי זאגן, "רבותי, איר זעהט דעם שטעקן? פונקט ווי דער שטעקן האט געקענט ארויסגעבן וואסער אפי' זי איז געווען גענצליך טרוקן פארדעם, אזוי וועט דער אייבערשטער ארויסציען וואסער פון א טרוקענע שטיין."

**איר וואונדערט זיך, פון וואו גייט זיין וואסער** ווען מרים איז נישטא? היד ה' תקצר, פון סיי וואס קען קומען וואסער, פון א שטעקן, פון א שטיין... דו דארפסט נאר נישט דאגה'ן...

ענדיגט צו דער רבינו בחיי: דערפאר האט דער דור המדבר באקומען זייער ברויט יעדן טאג עקסטער, **כדי שיהיו עינים תלויות תמיד אל ה'... והענין היה להם להרגיל נפשם במדת הבטחון והאמונה בשם יתברך.** יעדן טאג עקסטער, דארף מען בעטן ביים אייבערשטען און גלייבן אז ער קען און וועט אונז געבן.

## דער גרויסע פגם

### דער עונש און דער תיקון...

און דאס איז געווען דער גרויסער פגם דא! ווי אזוי קען זיין אז א איד, א מאמין און א בעל בטחון, זאל זאגן אזעלכע ווערטער, "איך בין נישט פארזיכערט! איך ווייס נישט וואס גייט זיין מארגן! פון וואו גיי איך באקומען מיינע געברויכן?!" ווער בעט דיר צו דאגה'נען, עס איז שוין דא איינער וואס דאגה'ט פאר דיר, **השלך על ה' יהבך והוא יכלכלך!**

פארקערט גאר, עס איז נישט דא קיין בעסערע וועג צו זיין די מערסטע פארזיכערט, נאר דורך זיין א בוטח בה'. אדרבא, ווי מער מען וויל זיין ווי דער גוי, ווי מער מען וויל גיין מיט דער הנהגת הטבע, אלץ וויניגער איז מען אפגעהיטן, **יְהִי חַסְדְּךָ ה' עָלֵינוּ כַּאֲשֶׁר יִחַלְנוּ לָךְ** (תהילים לג כב). די חסדים וואס מיר באקומען פונעם אייבערשטען איז אלעס געוואנדן לויט וויפיל מיר האפן, אלץ מער בטחון איז אלץ מער חסדים.

### וואס איז געווען זייער עונש?

**וַיְשַׁלַּח ה' בָּעָם אֵת הַנְּחָשִׁים הַשְּׂרָפִים וַיְנַשְּׁכוּ אֶת הָעָם וַיָּמָת עַם רָב מִיִּשְׂרָאֵל.** (כא, ו) דער נחש איז געקומען און זיך נוקם געווען.

**פארוואס דוקא דער נחש?** מדה כנגד מדה, וויבאלד די אידן האבן געוואלט זיין מסודר, זיי האבן געוואלט האבן פרנסה אן דארפן אנקומען צום אייבערשטען, איז געקומען דער געשאלטענער נחש, וואס דער אייבערשטער האט צוליב געטוהן און געגעבן זיין וואונטש אז **עָפָר תֹּאכַל כָּל יְמֵי חַיֶּיךָ** (בראשית ג יד), ער האט וויפיל ער וויל און ווען ער וויל!

יא יא, אבער דאס איז נישט צוליב ליבשאפט, ווי דער קדושת לוי זי"ע טייטשט[ד] (וכן איתא בחפץ חיים): דער אייבעשטער האט געזאגט פאר די נחש, "איך וויל מיט דיר נישט האבן קיין שייכות, איך וויל נישט די זאלסט מיר בעטן עסן. פון היינט און ווייטער, וואו אימער דו גייסט, וועסטו טרעפן עסן. דו דארפסט מיר גארנישט בעטן, איך דארף נישט דיינע תפלות און איך וויל נישט הערן פון דיר."

דאס איז דער נחש, אבער דער אייבערשטער וויל דער איד און ווארט אז דער איד זאל זיך בעטן און האפן צו אים.

אויב האט מען נישט קיין שייכות מיטן אייבערשטען, דעמאלטס וויפיל איז די לעבן ווערד?!

דערפאר איז דא געווען אן אנדערע סארט תיקון, **עֲשֵׂה לְךָ שָׂרָף וְשִׂים אֹתוֹ עַל נֵס וְהָיָה כָּל הַנָּשׁוּךְ וְרָאָה אֹתוֹ וָחָי** (במדבר כא, ח). דאס איז אנדערש פון סיי וועלכע שטארף וואס די אידן האבן באקומען אין די מדבר וואס דארט איז געווען גענוג דער הרהור תשובה פונעם פאלק מיט די תפילות פון משה רבינו...

ווייל דא איז טאקע געווען אנדערש. דא האבן די אידן נישט געדארפט נאר אביסל רחמים, דא האבן זיי געדארפט מער א טיפערע רפואה, (א רפואת הנפש וואס וועט ברענגן א רפואת הגוף,) און דאס האט דער נחש הנחושת אויסגעלערנט...

ווי די גמרא איז מסביר (ר"ה כט.): **וכי נחש ממית או נחש מחיה?** קען דען א דמות פון א נחש מאכן לעבן אדער שטארבן?! וועלכע כח האט די דמות געהאט? ווי אזוי האט דאס געארבעט?

זאגט די גמרא: די נחש האט נישט געהאט קיין שום אייגענע כח. נאר וויבאלד די נחש איז געווען הויך, האט דאס געמאכט אז די אידן זאלן דארפן ארויפקוקן צום הימל. און ווען א איד האט ארויפגעקוקט כלפי שמיא, האט ער זיך דערמאנט צו ווען ער דארף זיך מבטל זיין און איינרייסן, "רבוש"ע, העלף מיר בעת צר!" דעמאלטס איז דער מענטש אויסגעהיילט געווארן. אבער אויב האט ער פשוט געקוקט אויף די שלאנג אלץ א רפואה, האט אים דער שלאנג גארנישט אויסגעהיילט. (עי' פי' רש"י עה"פ כל הנשוך)

און דאס איז דער תיקון: מאכן דער מענטש ארויפקוקן צום הימל! ווען א איד ווייסט און פארשטייט אז מען מוז צוקומען צום הנהגת הבורא, מען קען זיך נישט אליין מסדר זיין אפי' פאר קיין איין רגע אויך נישט, נאר דעמאלטס קען זיין דעם **וְרָאָה אֹתוֹ וָחָי.**

**וא"ת, אויב דער עיקר כוונה איז געווען צו מאכן די אידן ארויפקוקן צום הימל, פארוואס האט דאס געדארפט זיין דוקא אין די דמות פון א שלאנג? מען וואלט געקענט לייגן סיי וועלכע דמות הויך אויף די שטאנג!**

זאגן די מפורשים[ה]: דער אייבערשטער האט געוואלט וויזן פארן איד אז נישט נאר ער וועט דארפן אנקומען צום אייבערשטען פאר אלעס, נאר די וועג ווי אזוי ער וועט געהאלפן ווערן וועט אויך זיין היפך מן הטבע.

נארמאל, ווען א מענטש ווערט געביסן פון א שלאנג אדער סיי

[ד] ועי' בנתיבת שלום פרשת קרח שכ' כעי"ז,

[ה] (עי' בספר ראשי בשמים הובא בספר מעינות הפשט)

וועלכע סכנות'דיגע בעל חי', אויב קוקט ער שפעטער אפי' נאר אויף א דמות פון דעם בעל חי', אפי' ער איז שוין אויסגעהיילט געווארן, קען דאס זיין א גרויסע סכנה. און דא דער אייבערשטער געהייסן אז די אידן זאלן קוקן אויפן זעלבע בעל חי' וואס האט זיי געביסן און עס וועט נישט זיין קיין סכנה ווי דער טבע, נאר היפך מן הטבע, עס וועט גאר זיין א רפואה.

להורות אז דער אייבערשטער פירט זיך מיט די אידן העכער פון די טבע און זיינע ישועות זענען נישט געצווינגען צום טבע, עס מוז נישט זיין אז דער ישיעה וועט זיין פונקט ווי די ביסט געווען געוואונט, ער קען מאכן בלומען וואקסן אויף א שטעקן, א שטיין זאל ארויסגעבן וואסער, זיין אפגעהיטן דורך אן עמוד ענן און א נחש הנחושת זאל אויסהיילן דעם ביס פון א נחש...

## מוסר השכל

**יעדער מענטש וויל זיין רואיג און לעבן אן קיין דאגות.**
**דער שאלה איז אבער, "איז דאס א מעלה אדער א חסרון?"**

**עס ווענדט זיך ווי אזוי!!**

אויב מען לעבט מיט די כללים פון די מידת הבטחון, מען פארלאזט זיך אז דער אייבערשטער האט א חשבון, ער ווייסט פונקליך וואס דו דארפסט און וועט דיר געבן דיינע צרכים אין די רוקטיגע מינוט און אויף דער אופן וואס ער פארשטייט, דעמאלטס וועסטו לעבן רואיג, אן קיין דאגות און "מסודר" אין דיין טאג-טעגליכע לעבן!

אבער ווען מיר זענען די וואס מאכן די פלענער און רעדן זיך איין אז דאס איז דער איינציגסטע וועג ווי אזוי מיר דארפן געהאלפן ווערן און מיר ווארטן נאר אויפן סטעמפל פונעם אייבערשטען, דעמאלטס מאכן מיר שווער און ביטער אונזער לעבן.

פארוואס זאל דער אייבערשטער באשטעטיגן דוקא אונזער פלאן, היד ה' תקצור? לאמיר איינ'חזר'ן די ווערטער פונעם חובות הלבבות, "**וידע דכל האמצעים שוים אצל הבורא, ובידו לפרנס אותו על ידי איזה אמצעי שירצה, ובכל זמן שירצה, באיזה אופן שירצה**"... מען דארף נישט אונזער הילף...

אויב די כוונה פון דיינע אלע פעולות איז צו זיין מסודר, וויסן זאלסטו אז ביי א איד וועט דאס קיינמאל נישט זיין, דער אייבערשטער וויל נישט אז מיר זאלן זיין צו מסודר. דער אייבערשטער וויל אז מיר זאלן רעדן און האפן צו אים...

עס איז דא א באקאנטע שפריך-ווארט פון א מחותן: ווען איך האב חתונה געמאכט מיין ערשטע קינד, האב איך געזאגט, "דער אייבערשטער האט מיר געהאלפן." דהיינו, איך טוה און ער העלפט מיר. ביים צווייטן קינד, האב איך געזאגט, "דער אייבערשטער האט אלעס געטוהן." דהיינו, איך טוה גארנישט. ביים דריטן קינד, האב איך שוין געזאגט, "דער אייבערשטער טוט אלעס און איך דארף נאר אכטונג געבן אים נישט צו שטערן".

אויב וויל מען באמת זיין פארזיכערט, דארף מען געדענקן דעם כלל: עס איז נישט דא קיין בעסערע וועג צו זיין די מערסטע פארזיכערט, נאר דורך זיין א בוטח בה', **יְהִי חַסְדְּךָ ה' עָלֵינוּ כַּאֲשֶׁר יִחַלְנוּ לָךְ...**

**הַשְׁלֵךְ עַל ה' יְהָבְךָ וְהוּא יְכַלְכְּלֶךָ.**
לֹאז אים מאכן דעם פלַאן, דו שטער נאר נישט!

## צידה לדרך:

### וועלכע הבטחה האט יעקב נישט באקומען?

זאגט דער מדרש תנחומא ויצא סי' ג: וידר יעקב נדר לאמר אם יהיה אלהים וגו' אמר ר' ברכיה: בכל מה שתבע יעקב מן הקב"ה השיבו. אמר: אם יהיה אלוקים עמדי, השיבו: והנה אנכי עמך. אמר: ושמרני. השיבו: ושמרתיך בכל אשר תלך. אמר: ושבתי בשלום. השיבו: והשיבותיך. אמר: ונתן לי לחם. ולא השיבו על הפרנסה.

אמר הקדוש ברוך הוא: אם אני מבטיחו על הלחם, מהו מבקש ממני עוד? לפיכך, לא הבטיחו על הלחם.

---

### דער זעלבע זינד האט דער זעלבע תיקון

אשר קרך בדרך. טייטשן די ספרים הק': ביי זייערע מלחמות מיט די אידן, האט עמלק אריינגעברענגט א בחינה פון אשר קרך- די איד זאלן האבן ספיקות אין זייער אמונה און כסדר שפירן נישט זיכער, סיי ביים ערשטן מאל גלייך נאך קריעת ים סוף און סיי יעצט ביים צווייטן מאל. און טאקע בייביידע מלחמות, האט מען געמוזט נוצן דעם זעלבן טאקטיק אים צו געווינען.

ווי די משנה זאגט אין ראש השנה: והיה כאשר ירים משה ידו וגבר ישראל וגו' (שמות יז יא). וכי ידיו של משה עושות מלחמה או שוברות מלחמה? אלא לומר לך: כל זמן שהיו ישראל מסתכלים כלפי מעלה, ומשעבדין את לבם לאביהם שבשמים, היו מתגברים; ואם לאו, היו נופלין.

און ווי די משנה זאגט ווייטער: כיוצא בדבר אתה אומר עשה לך שרף ושים אתו על נס, והיה כל הנשוך וראה אתו וחי, וכי נחש ממית, או נחש מחיה? אלא, בזמן שישראל מסתכלין כלפי מעלה ומשעבדין את ליבם לאביהן שבשמים, היו מתרפאים; ואם לאו, היו נימוקים...

---

### ווי איז דער נחש נחשת היינט?

זאגט דער ילקוט מעם לועז: ואותו נחש הנחשת שעשה משה נתקיים ימים רבים לזכרון הדורות, שילמדו מה גדולה פרענות של מספרי לשון הרע... ונתקיים עד זמנו של חזקיהו המלך, שאז היו הרבה אנשים שעברו עבודה זרה, והתחלו לטעות אחרי נחש נחשת זה שעשה משה... אמרו בודאי יש איזו ממשות... ועשו אותו עבודה זרה, ולקח חזקיהו וכתת נחש נחשת ועשה אותו אפר כמש"כ (במלאכים ב' יח').

וזה היה אחד משהש הדברים שעשה חזקיהו המלך שעל שלשה הודו לו חכמים ועל שלשה לא הודו לו, וע"ז הודו לו חכמים.

פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון,
קענט איר זיך פארבונדן מיטן עורך:
torah10952@gmail.com